REDACTADA POR UN COLEGIO
•
Redacción y Administración
Eyzaguirre 1116
Teléfono 88049

# VIDA NUESTRA

UNICA PUBLICACION DE CLARAS Y BIEN DEFINIDAS TENDENCIAS NACIONALISTAS

Aparece todos los viernes

Suscripciones
Anual . . . . . $ 24
6 meses . . . . 12
Extranjero, anual 30
Horas de oficina:
9 a 12 y 14 a 18 horas

AÑO I — SANTIAGO DE CHILE, VIERNES 5 DE JUNIO DE 1931 — N.º 9.

## ARONSTAM

Antes del Congreso, supimos que un enviado especial de la Hicem, estaba entre nosotros. Después del Congreso, vimos que era una poderosa personalidad, marcada con caracteres propios que, cual un predestinado, había llegado a nuestros lares, en el momento propicio, a realizar lo que otro al vez no habría podido.

El mismo tal vez, no se imaginó nunca que su misión en Chile, iba a apartarse de las normas fijadas por la institución que lo enviava. Vino a ver, a estudiar las posibilidades de establecer algunas familias judías que necesitaban emigrar y no sabían donde. Vino a interesarnos por la desventura de nuestros hermanos de Polonia, de Rumania, de Ukrania, que medio teníamos olvidados y cuyo dolor no sentíamos. Vino a golpear nuestros espíirtus en nombre de los que sufren, faltos de pan y de techo, para que siquiera llegue hasta ellos el calor de nuestros pechos fraternos, latiendo emocionados en presencia de su desventura. Vino a eso, y le cupo hacer mucho más.

Es que el Dr. Ekutiel Aronstam, nuestro huésped, no pudo olvidar, al llegar a esta tierra nuestra, que está vinculado al movimiento sionista desde sus albores. Y huésped de honor en nuestra última Convención, no trepidó en abandonar su cómodo sitial de distinguido observador, cuando estimó que algo podía hacer por salvar el Congreso.

Y fué un momento álgido, cuando ya el fracaso parecía seguro, el que lo decidió a aceptar el cargo de Presidente, que su modestia le impidó aceptar cuando en un principio le fuera ofrecido. Así fué como se salvó el Congreso, como se llegó a unificar el sionismo chileno, como se logró elegir un Directorio que ofrece todas las garantías que, con relación a trabajo, dedicación, imparcialidad e idealismo, pueda exigir el sionista más exigente. Todo ello se logró sólo a su energía, a su imparcialidad y a su tacto excepcionales.

El Congreso, reconocido, hizo constar en sus resoluciones finales, la gratitud hacia el hombre que logró llevarlo a feliz término.

Los sionistas chilenos, han grabado en su recuerdo el nombre del que logró, lo que hoy es objeto de su más íntima satisfacción.

---

## EL BANQUETE DE MAÑANA

Mañana sábado a las 22 horas, se efectuará el banquete que fué organizado por los directorios de la Federación Sionista "Centro Juventud", "León Joffré", "Unión Sionista A. J. I.", "Círculo Israelita" y Comité de Protección de los Inmigrantes Israelitas, en honor del presidente del último Congreso Sionista, nuestro huésped, Dr. E. Aroustam.

Por el entusiasmo que reina en la colectividad, es de augurar que el banquete de mañana revestirá caracteres brillantes.

**NECESITAMOS CORREDORES DE AVISOS**
dirigirse a
**EYZAGUIRRE 1116**
TODO EL DIA

**LEA**
**el próximo número**

**SUSCRIBASE**
**a "Vida Nuestra"**

**LUCERNA**

La confitería predilecta del público israelita. Mantiene constantemente la mejor orquesta a las horas de concurrencia

Atención esmerada para fiestas, casamientos y recepciones

SOBRE TODAS



FABRICACION ALEMANA

LAS MEJORES DEL MUNDO

FACILIDADES DE PAGO

**PFAFF**

LA MAQUINA PARA COSER

**Sociedad Máquinas PFAFF Ltda.**
AHUMADA 51

מיר לאדן איין די אידישע קאלעקטיוויטעט צו באזוכן אונזער
סאלאן דע ווענטאס.

IMP. "EL ESFUERZO", EYZAGUIRRE 1116.—SANTIAGO

## Guía Profesional

Dr. ISAAC HORVITZ
Médico - Cirujano
Santa Rosa 1053
Consultas de 2 a 4

ANGEL FAIVOVICH
RAFAEL PARADA
Abogados
Compañía 1223

**CONSULTORIO DENTAL**
del Dr. ISAAC VAISMAN
Consultas de 10-12 y de 14-18 horas
TARAPACA Núm. 814

Dr. ISRAEL DRAPKIN
A. Prat. 1441 Telf. 291, Mat.
Consultas de 2 a 5

Dr. MAURICIO WEINSTEIN
Estudios Europa, Piel, Sífilis Venéreas
Agustinas 1357
Consultas de 3 a 5

Dr. LAMAS
Enfermedades de Niños.
Consultas de 2 a 4 ½
Gálvez 61 Teléf. 83151

**MUEBLERIA PORTEÑA**
de Miguel Iusid
P. MONTT 2023 VALPARAISO

**ISIDORO HORVITZ**
Comisiones y Consignaciones
Agente autorizado de las Compañías "La Estrella" y "La Minerva"
SANTA ROSA 1122 SANTIAGO

אידישער אימיגראנטן שוץ-פאראיין
— אנגעשלאסן —
אין היאס, יקא, עמיגדירעקט.
SERRANO 202 — CASILLA 2991 — TELEF. 88076
אטענדירט יעדן טאג פון 6 ביז 8 נאכמיטאג
געלט אנווייזונגען אין אלע אייראפעאישע לענדער,
זשאמאדעס, שיפסקארטן, אינפארמאציעס א. א. וו.

**COMITE DE PROTECCION**
a los
**INMIGRANTES ISRAELITAS**
afiliado a la
**Hias - Jca - Emigdirect**

**CONTRATE SUS SEGUROS**

Contra incendios, accidentes del trabajo, lucro cesante, sementeras, de transporte, etc., con nuestro grupo de Cías. Nacionales de Seguros

"LA REPUBLICA"
"LA ESTRELLA"
"LA CORDILLERA"
"LA INDUSTRIAL"
"LA MINERVA"

**Capital y fondos acumulados $ 13.000,000**

AGENCIAS EN TODO EL PAIS
Oficina Principal:
Agustinas 1137, edificio propio — Santiago
TELEFONO 83920 — CASILLA 493
LUIS KAPPES G., Gerente

**Sastrería Rusa**
RISNIK Y BORZUTZKY
MONEDA 848
CONCEDEMOS CREDITOS
Santiago

**Gran Peletería "Oso Blanco"**
Casa establecida en 1905
PASAJE MATTE 59
Casilla 2633 - Santiago
Teléfono Auto 84854

**FABRICA**
DE GORRAS Y SOMBREROS
**"LA EUROPEA"**
M. R.
ZAVELEV Hnos.
Avenida República 46
Casilla 4560 - Teléfono 88464
SANTIAGO

**Adolfo Crenovich**
IMPORTADOR DE PIELES
DELICIAS 2284
SANTIAGO

**PELETERIA WASHINGTON**
Moneda 873
SANTIAGO

PROVEASE EN ESTA CASA
AHUMADA esq. MONEDA
Teléfono 89735
**LA GRANDE MAISON**

Alberto Gerchunoff

# EL MISTERIO DE LA PALABRA

(Del libro "Pequeñas Prosas")

En el principio era el Verbo y el Verbo era con Dios y el Verbo era Dios. He aquí lo que saben los que aman la consistente y multiforme palabra. Lo sabemos nosotros, porque vivimos en la palabra y nos sustentamos de ella, porque ella es la parte y el todo de nuestro sér, la voz que emitimos y el acto que realizamos. Es la oscura *entraña en* que trabajamos y el agua buena en que apagamos la sed. ¿Quién puede ofrecer regalo más maravilloso que el de la *palabra oportuna?* Puede el mísero Midas volver oro lo que toque con su mágica vara. Nunca dará a las cosas el esplendor con que los reviste la palabra, pues con su armonía imprecisable, se llegará al espíritu, esto es, más allá de vendrán después lo oirán repercutir y sentirán aún su calos ojos y de la piel, y los que lor germinal, y su calor los animará de nuevo. ¿Cómo hizo Dios al hombre? Le infundió su soplo, le infundió el Verbo. La palabra nos abre en el deleite su misterio creador. Los sonidos traen la imagen que buscamos y tras de la cual siguen nuestras pupilas absortas. ¿Cómo podríamos evocarla sin modular silenciosamente las sílabas que forman su emblema? Nos basta pronunciar el nombre de la persona o de la cosa para que surja ante noostros, en la belleza de su tentación. Murmurad el nombre armonioso, el nombre que ocultáis allá adentro y que vuestros labios *repiten en sigilosa timidez* en el silencio y veréis alzarse lo que deseáis contemplar en su magnificencia real. De este modo, lo que vivís, y para lo cual vivís, *se corporiza* con vida cierta y fuerte y os da lo que es imprescindible en vuestro destino. Yo amo la palabra. Su ruido me substrae al mundo en que transito y me lleva al mundo a que no lograría llegar por otros caminos. Viene a mí blandamente, tibiamente, y siento su caricia poderosa y diversa; su voluptuosidad mareante me envuelve como en un latido, me satura con su aroma y me alucina con su color y me desvanece con la ondulación suave de sus líneas. La luz inmensa está en ella y en ella están presentes los filtros de los poderes ocultos. Lo que es fugitivo como una sombra queda en su red, lo que es imperceptible en la distancia se vierte en su rumor, lo que es inapreciable, por ser una ilusión lejana, se levanta en su ritmo. Lo que fué resucita a su conjuro y lo que será se anticipa con su innovación. ¿Queréis que junto al sitio en que estáis sentados se alce el cuerpo deslumbrante de Helena, o que la reina de Saba atraviese el desierto con su fila de dromedarios nostálgicos y con su séquito de esclavas de pulidas caderas y vaya hacia vosotros como fué un día, por una senda de lirios deshojados, bajo los sicomoros, hacia la estancia del príncipe hermoso? ¿Queréis que sobre la espuma de las olas broten las antiguas sirenas y saluden con su canto el paso de la nave en que contempláis los enigmas del cielo? Dejad que os penetre la palabra. En ella duerme el cántico de las sirenas y las sirenas se extienden en su música, como se extienden en las noches sobre el vientre de als olas, blancas y lánguidas, con los brazos funestos que laman, con las voces fatales y dulces que desvían al viajero de la ruta prudente. La palabra es la persona, la palabra es la cosa, la palabra es la vida, el principio y el fin. Es la es*meralda luminosa que aumen*ta lo que ponemos debajo de su prisma. Torna más sonora la risa en que transcribimos el súbito regocijo, y más grave el gemido que nos desahoga de la angustia y, enhebrándola, como el sabio instinto lo dicta, ligera y caudalosa, engarza para siempre lo que el hombre necesita para ser distinto del pedazo de tabla y del gusano que se arrastra en el suelo húmedo, o sea el recuerdo de los demás hombres para recordarse así mismo, y el anhelo de los demás hombres para comprender lo inútil y lo triste de sus propios anhelos. Y eso destila la palabra fértil. El acontecimiento viene de la palabra. Madre de la voluntad divina, rasgó los abismos, juntó lo que flotaba sobre las aguas, y dió alma al barro. Y bien: ignoran su virtud pacífica y no gozan su deleitosa cadencia los que todavía no están en la iniciación de su rito. Por eso son menos que nosotros. Teniéndolo todo, nada tienen, porque no lo designan, no lo hacen desfilar dentro de sí en el suntuoso desfile. En cambio, los que nada poseen y Dios les ha conferido, en recompensa, la riqueza estremecida del vocablo, hallan el consuelo de adquirir a su influjo lo que se agita en su deseo. Nada tengo, en efecto; nada se me ha negado porque, aquí, en la noche, en medio de la lobreguez que me circunda, puedo teñir las nubes y darles la coloración de al aurora y puedo dominar mis pensamientos tristes con la claridad de lo inalcanzable. La divinidad que mi mano no toca se me acerca en la palabra y me sonríe, el bien ausente se concreta, la dicha fugaz se perpetúa. Divinidad sonriente, bien inestable, dicha esquiva, descenderán para mí en la palabra esperada, en la contínua y renovada palabra. Y el nombre, el nombre acariciador y armonioso, se hará revelación y aparición. En verdad os digo: en el principio era el Verbo


**Motocicletas y bicicletas inglesas**
**"TRIUMPH"**




DELICIAS 153
SOLICITE PRECIOS Y CONDICIONES DE PAGO
REPUESTOS DE TODAS MARCAS
Agente:
**SILBERMAN Hnos.**



**LOS DOMINGOS**

LLEVE A SUS NIÑOS A LA BIBLIOTECA DEL CIRCULO ISRAELITA.

ABIERTA DE 10 A. M. A 1 P. M.

**SECCION LECTURA INFANTIL**



**Comer bien y dormir tranquilo!**

*Esas son las bases de la vida humana. El que quiere conservar su buena vida vaya a*

**La Nueva Pensión Isaelita**

NATANIEL 279 SANTIAGO



**IMPORTANTE PARA COMERCIANTES A PLAZO**
**PIELES**
DE TODOS COLORES PARA ADORNOS
: : HAY ABRIGUITOS PARA NIÑOS : :
TODO A PRECIOS SIN COMPETENCIA, SE VENDE EN
**Calle San Ignacio 762**
Todos los días de 2 a 4.

## CSAR TIEMPO OBTUVO EL PRIMER PREMIO DE POESIA

El joven poeta judeo-argentino César Ttiempo (Israel Zeitlin) ha obtenido, como ya lo sabrán nuestros lectores por las informaicones de la prensa diaria, el primer premio de poesía en el concurso municipal de literatura correspondiente al año 1930. Esta honrosa distinción le ha sido conferida por su bello "Libro para la pausa del sábado" (M. Gleizer, editor), obra de la cual nos hemos ocupado con la debida extensión apenas viera la luz.

El triunfo de César Tiempo, además de consagrarlo como uno de los poetas más recios de la nueva generación argentina, encierra también, por reflejo, un motivo de legítimo orgullo para la colectividad israelita. Es, en efecto, un hecho muy grato para nosotros que un escritor surgido en nuestro medio haya logrado, con un libro inspirado en ese mismo medio, una victoria tan rotunda. Después de "Los Gauchos Judíos" de Gerchunoff, no recomendamos un libro de un escritor judeo-argentino sobre motivos de nuestr oambiente que haya suscitado tanto interés como la obra de César Tiempo, consagrada por la municipalidad y por la crítica.

Como una muestra de ese interés, damos a renglón seguido una serie de opiniones sobre el libro premiado, suscritas po rfirmas autoridades del mundo literario y formuladas casi todas ellas en cartas dirigidas al autor.

"Un buen hebreo debe seguir puntualmente la parábola del Gran Hebreo: Dad al César lo que es del César. Pero esta vez. . César me ha dado no lo que me correspondía, sino lo que era de él, de César, de César Tiempo: su inmensa cordialidad en el mejor regalo de versos.

"Pero hay otro proverbio filosófico que aconseja dar tiempo al Tiempo y antes de que yo pudiese decir en letras de molde todo el bien que pienso de su poesía, el Municipio le otorga el más justo y honroso galardón.

"Su libro de veras me ha emocionado. Reciba mis felicitaciones con las dos manos y créame suyo, amigo de Ud. y de sus versos".—**Alfonso Reyes.**

"Lo he leído con fruición. Es un fgran libro. Revela a un poeta de extraordinaria destreza artística y de profunda substancia interior. Desde hace mucho no se me escapa verso suyo. Siempre me trae algo. Siempre ofrece una bella promesa. Con este espíritu he leído su libro, su magnífico libro, lozano, fuerte, lleno de brío alegre que se me ha comunicado y me ha hecho vivir una hora por la cual le debo gratitud".—**Alberto Gerchunoff.**

"Soy, en general, poco partidario de los premios oficiales. Asimismo, mientras existen, deseo que scean otorgados con estricta justicia. Y nunca más justo que para su "Libro para la pausa del sábado". Esta vez el Jurado Municipal de Literatura ha procedido con verdadero discernimiento. Lo felicito, pues, querido amigo, por su merecido triunfo".—**Dr. Enrique Dickmann.**

"Efusivamente mis más cordiales felicitaciones por su reciente y resonante triunfo. El no hace más que confirmar el altísimo concepto que siempre he tenido de su talento y de su magnífica prestancia de poeta, en sus más puros y brillantes valores. Es Ud. un predestinado victorioso y con cálida emoción le auguro un porvenir bello en glorias, en el alto pensamiento de América".—**Ovidio Fernández Ríos.**

"...su admirable libro de versos, ardiente y precioso, candelabro y ephod".—**Enrique Larreta.**

"El otro primer premio es el poeta César Tiempo, que ha quedado consagrado con su "Libro para la pausa del sábado". Es un acto de estricta justicia esa resolución. La obra premiada es una de las colecciones de versos personales que mayor intensidad humana contiene. Son versos de la judería, rico de matices raciales, en los cuales se canta, en formas ágiles y obedientes, al Ghetto porteño, ese curioso barrio del judío argentina, tan típico y universal a la vez. Este poeta se ha evidenciado con esa obra como uno de los más completaos artistas líricos de nuestra tierra, aportando aspectos inéditos a la poesía argentina".—"**Los Andes**", de Mendoza.

## Información Oficial de la Federación Sionista de Chile

Efectuar una manifestación al Dr. E. Aronstamm, patrocinada por la F. S. Ch., y con la cooperación de las demás instituciones locales.

Fondo Nacional: El Sr. Jac. Borizon entregó la suma de $ 41, recolectada en una Brit Mila en casa de don Gregorio Senerman. El Sr. Gr. Baltiansky hace entrega del dinero que estaba en su poder por capítulo de Campaña F. N. y otras ocasiones. (Véase lista adjunta), y cuyo monto asciende a $ 932.15.

Skekalim: se recibió de Tocopilla (Sr. Caro) la suma de $ 30, por venta de 10 Shekalim.

Centro Maghen David: Se recibió de esta Institución la de $ 150 pro Fondo Nacional, coleta de Yom Kipur.

Liquidación antigua tesorería: El Sr. Jacard hace entrega de la suma de $ 29.80, saldo de su actuación de tesorero del Directorio durante el mes de octubre de 1930.

CIRCULO ISRAELITA

Serrano 202

SE ARRIENDA PARA CASAMIENTOS, FIESTAS Y BAILES

El espacioso y lujoso salón

DEL CIRCULO ISRAELITA, CON TODAS SUS COMODIDADES

A PRECIOS CONVENIENTES

TRATAR DE 18 A 20

En la Secretaría del Círculo

DONDE SERAN BIEN ATENDIDOS

COMPRE SUS PROVISIONES EN ESTA CASA Y OBTENDRA SALUD Y ECONOMIA

LA GRANDE MAISON

Teléfono 89735

# ¡A NUESTROS LECTORES!

NOS COMPLACEMOS DE ANUNCIAR A NUESTROS DISTINGUIDOS LECTORES, QUE EN BREVE INSTALAREMOS TALLERES PROPIOS PARA LA CONFECCION TIPOGRAFICA DE NUESTRO SEMANARIO. AL MISMO TIEMPO TENEMOS LA SATISFACCION DE PONER A SU DISPOSICION NUESTROS TALLERES EN LO QUE SE REFIERE A LA IMPRESION DE TODA CLASE DE TRABAJOS DE IMPRENTA YA SEA EN IDISCH, HEBREO O CASTELLANO.

AL DAR ESTE NUEVO PASO QUE REDUNDARA EN BENEFICIO DIRECTO DE NUESTROS LECTORES, ESPERAMOS UNA MAYOR COOPERACION, ORDENANDO A NUESTRO TALLER SUS TRABAJOS DEL RAMO, QUE COMPENSE EN PARTE EL ESFUERZO QUE HEMOS HECHO.

El Colegio de Colaboradores

# געזעלשאפטליכעס.

## די אויסערארדנטליכע גענעראל פארזאמלונג פון „סירקולא איזראעליטא".

זונטיק דעם 31-טן מאי, איז דורכגעפירט געווארן די אויסערארדענטליכע גענעראל-פארזאמלונג.

בא דער אנוועזנהייט פון 87 מיטגלידער, דערעפנט דער פרעזידענט ה' קרענאוויטש די פארזאמלונג, דערקלערנדיק אז די פארזאמלונג איז גערופן געווארן מיטן צוועק צו ווילן א נייעם דירעקטאריום, און וועלכן עס זאלן אריינגיין מענטשן פון אלע גרופירונגען, כדי צו קענען אוועקשטעלן דעם „סירקולא" אויף דער הויך, אז ער זאל קענען באפרידיקן אלע מיטגלידער, ער האפט אז דער איצטיקער דירעקטאריום וואס וועט געווילט ווערן וועט שטרעבן צו הארמאניע און שלום מיט אלע אינסטיטוציעס.

נאכדעם ווערט אויסגעקליבן א וואל קאמיסיע פון די הערן, ראזענבלאט, מארקאוויטש און כאקאבא יאנקעלעוויטש און מען טרעט צו צו די וואלן, וועלכע האבן געגעבן פאלגענדע רעזולטאטן:

פרעזידענט: א. קרענאוויטש.

1-טער וויצע: א. חייםאוויטש.

2 „ „ ס. פישמאן.

סעקרעטאר: א. פיוואוויטש.

פרא סעקר.: איזידארא הארווין.

טעסארערא: לעאן קיבילישקי.

פרא „ „ א. ווילבערמאן.

דירעקטארן: א. אסערמאן, א. קיבילישקי א. דאברי, סאלאמאן שלימאף, ניזשערמא ארנסבורג, לאזארא ריסקי, אנכעל וויינשטיין א. א.

אין צווייטן פונקט פון טאג ארדנונג ווערט באשטימט אלס עדן-מיטגליד דער ה' פאביאן פיוואוויטש, אלס אנערקענונג פאר זיין 20 יעריקער ארבעט לטובת דעם סירקולא.

מיט דעם ווערט די פארזאמלונג געשלאסן.

## ציוניסטישע פעדעראציע.

בא דער אנוועזנהייט פון אריבער 60 מענטשן, וואס זיינען געקומען צום מיטינג וואס איז דורכגעפירט געווארן פאריקן שבת, מיט רעדעס זיינען ארויסגעטרעטן די הערן: ראזענבלאט זיונעבערג, עלוני, ארנסבורג א. א. אלע רעדנער האבן אונטערגעשטראכן די וויכטיקייט פון 17-טן ציוניסטישן קאנגרעס און זיין באדייטונג פאר דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון ציוניזם.

---

מיט גרויס ענטוזיאזם גייט אן די ארבעט פארן באנקעט לכבוד דעם גאסט ה' ד"ר ארנשטאם, וועלכער איז געווען פרעזידענט פון לעצטן קאנגרעס, דער באנקעט ווערט דורכגעפירט דורך די דירעקטאריומס פון דער ציוניסטישער פעדעראציע, סירקולא, א. כ. י., ציוניסטישער פארבאנד, און אידישער אימיגראנטן-שוץ פאריין.

דער באנקעט ווערט דורכגעפירט פארן שבת דעם 6-טן 22 א זייגער אין לאקאל פון „סירקולא".

## יידישע פארזיכערונגס געזעלשאפט.

ליוט ווי מיר ווערן אינפארמירט ווערן שוין געמאכט הכנות, צו גרינדן א יידישע פארזיכערונגס געזעלשאפט, און וועלכע עס וועלן אריינגיין אייניקע יידישע פינאנסיסטן. דער פלאן פון דער געזעלשאפט ווערט צוגעגרייט דורכן ה' לאיס קאפפע, דירעקטאר פון אייניקע פארזיכערונגס געזעלשאפטן, אויך פון

אנדערע פאכמענער.

די איניציאטיווע איז אנגענומען געווארן א דאנק דעם פארשלאג וואס איז געקומען מצד דעם הער איסאק ראזאווסקי און וועלכער איז געווען געדרוקט אין „אונזער לעבן" נ. 7 אונטערן נאמען „פארזיכערונגס און קרעדיט פראבלעמען".

## ארץ-ישראל-קלוב „הירדן".

מאנטיק דעם 8-טן וועט אין לאקאל פון ביבליאטעק פון „סירקולא" 9.30 אוונט פארקומען אן אלגעמיינע פארזאמלונג פון אלע מיטגלידער.

## יידישער אימיגראנטן שוץ פאריין

פערזאנען געזוכט:

1. משה (מאיסעס) גערשקאוויטש 48 יאר אלט, פארהייראט, געפינט זיך שוין אייניקע יארן אין לאנד;

2. יצחק (איסאאק) צוקערמאן, שטאמט פון אסטראוויטץ (פוילן) האט פריער געוואוינט אין וואלפאראיסא;

3. לייזער אפענהיים, געבוירען אין סוואלק (פוילן) 23 יאר אלט געפינט זיך אין איינע פון די זיד-אמעריקאנער לענדער;

4. עמיליא שיפפענבאור, 36 יאר אלט, געבוירן אין סאזדריטירוש(פוילן) פערהייראט, געוואוינט אין אניאן (פאמפא);

## דער יידישער פוסגייער אפרים שווארץ איז סאנטיאגא

אויף זיין וועג קיין נארד-אמעריקא, געפינט זיך איצט אין סאנטיאגא, דער יונגער יידישער פוסגייער.

שווארץ איז ארויס געגאנגען פון בראזיל, מיט א יאר צוריק. דורכמאכנדיק דעם וועג דורך אורוגוואי, ארגענטינע מיט די קארדילערן נאך טשילע, פון דאנען וועט שווארץ גיין אויפן וועג קיין באליוויא, פערו, עקואדאר, קאלומביע, ווענעסועלא, מעקסיקא, קאליפארניע.



שווארץ איז געבוירן אין ווארשא ער איז איצט אלט 27 יאר.

נעמענדיק אין אכט אז דער וועג אויף וועלכן שווארץ לאזט זיך איצט דארף דויערן 17 מאנאטן, קען מען באגריסן די געוואגטקייט און אונטערנעמונגס-גייסט פון א יידישן יונגנמאן.

שווארץ געפינט זיך איצט אין בקור-חולים, אונטער דער אויפזיכט פון ד"ר אבראם וויינשטיין, וועלכער קורירט אים א פוס, וועלכע איז אים אפגעפרוירן געווארן אין די קארדילערן. עס וואלט געווען ווינשנסווערט אז דער פוילישע יידישער פארבאנד זאל זיך פאראינטערעסירן מיט זיין לאנדסמאן און אים באזארגן אויף וויפיל עס איז מעגליך מיט א געלט שטיצע וואס זאל אים נוצן אויף זיין ווייטערדיקן וועג.

---

5. פסח גרינבערג, ערשט א יאר אין לאנד;

ווער עס ווייס וואו די פערזאנען געפינען זיך ווערט געבעטן צו מעלדן אין דער ביורא אויף סעראנא 202.

# טעאטער און קינא

## צוויי וועלטן

אין גיכן ווערט אין איינעם פון די היגע שענסטע טעאטערן, געוויזן ווערן דער רעדעווודיקער פילם „צוויי וועלטן". דער פילם איז איינער פון די שענסטע וואס זיינען ווען עס איז געוויזן געווארן אין סאנטיאגא. דער פילם האט שטארקע עמאציאנעלע מאמענטן, עס שפיגלט זיך אפ אויף א שארפן אופן דער קאמף צווישן די צוויי וועלטן, די קריסטלאכע און די יידישע, דער קאמף צווישן ליבע און רעליגיע, צווישן פליכטן צום אייגענעם פאלק און הארץ-געפילן צווישן צוויי יונגע בליענדע מענטשן, וועלכע ציען איינער צום צווייטן מיט פלאטער אין זייערע נשמות, און נאר די רעליגיעזע האנט טיילט זיי פאנאנדער. די ראלע פון מיידל אסתר שפילט די וואונדערבארע הארי גלארי. די ראל פון גאלדשיידער איר פאטער שפילט דער באריסטער פאטער ראליסט, מאקסודיאן. קיינער ייד טאר נים פארפעלן צו זעען דעם פילם אין אין וועלכן עס שפיגלט זיך אפ א שטיק יידיש לעבן.

## קאטערינא פון רוסלאנד.

אין טעאטער „איספעריא" וועט שבת און זונטיק געוויזן ווערן דער פילם, „קאטערינא פון רוסלאנד".

אין דעם פילם ווערט געוויזן אויף א העכסט שפאנענדן אופן דאס שטורמישע לעבן פון דער הערשערין קאטערינא, וועלכע האט געחלומט צו ווערן די הערשערין איבער דער וועלט, אירע אוואנטורעס און ליבעשפילערייען.

---

אלע זאגן
אז א געזונטן מאגן
קען מען האבן
ווען מען עסט אין
פענסיאן בארא כם.
NATANIEL 121
Teléfono 86728
פאראן פרייע צימערן

ROSENBLITT
EL MEJOR SOMBRERO

י. פילאווסקי.

# ציים-לידער

## וויסענטיני און טאני.

(אז איר ווילט איז דאס א פאראדע אויף אונזער
געזעלשאפטלעכן קאמף)

וויסענטיני און טאני,
א פאר העלדן פון באקס.
דער ערשטער איז לייכט ווי א העזל,
דער צווייטער איז שווער, ווי אן אָקס.

מען פויסט זיך,
מען שלאגט זיך ביז טויט.
מען פויסט זיך,
פון בלוט איז מען רויט.

שפרינגט איינער און ווארפט זיך,
ווי עס קען נאר א האָז,
דערלאנגט אים דער צווייטער
מיטן קולאק אין נאָז.

און דער עולם,
דער גולם,
ער ווילט זיך,
נחת ער קלייבט,
פון התפעלות,
די הענטלעך אויש רייבט...

און היים איז דער עולם,
צעקאכט איז דאס בלוט:
דערלאנג אים!
דערלאנג אים, נאָר גוט!...

און געזיגט האָט דאך טאני,
עס האָט ניט גערירט אים קיין האָר,
מיט חכמה, מיט קלוגשאפט, ער נעמט זיך ניט איבער.
דאס פאסט ניט פאר קיין העלד, פאר קיין גבור...
עס פאסט אים גאר ניבער,
ווינע פויסטן, די פאָר...

## מזל־טוב.

מזל-טוב אייך, יידן!
מזל-טוב אייך, ברידער!

מיר לעבן שוין בשלום, בשלום און צופרידן.
גענוג געברוגזט זיך, געברוגזט און געבלאזן!
לאמיר שפרינגען אלע, און א טענצעלע זיך לאזן,
לאמיר זינגען אלע, נגונימלעך און לידער.

מזל-טוב אייך, מזל-טוב, לחיים!
מיר האבן שוין אן אייגענעם בית-חיים...
אויס, גענוג ,גערוקט' און „וואנט"...
אויס מיט „גיטשעס„!
און האט איר צו א „דערדל" נאר א האנט,
פאדערט מזומנים, צו וואס טויגן אייך די „פיטשעס"?...

מזל-טוב אייך, מען קען אייך פיין באגריסן.
גענוג דעם קאפ צו האלטן שוין פאררייסן,
גענוג פון זיך צו בלאָזן!
עס איז שוין צייט דעם ,בענקל' צו פארלאזן.
פאר אן אנדערן אים לאזן,
זיי זאלן אויך דעם טעם דערפון געניסן...

מזל-טוב אייך, מזל-טוב רב זישע!
כאטש איר זענט א סאציאליסט אפילע,
עס מאכט ניט אויס, אין טשילע,
ווער קלייבט זיך דען פארנאנדער?
זאל זיין חברה-קדישא
אבי רייצן איינעם אויפן אנדער...

מזל-טוב דיר, מזל-טוב, מיין עטל!
געקומען איז פון ארגענטינע א ,מענטשעלע' צופארן
געמאכט האט ער אַ ,בעטל',
לעבעדיק עס איז, אַ מחיה איז געוואָרן,
האלט ער אין איין ברעכן, און איין שטערן,
ס'איז אַ מחיה אָבער, ס'איז דאָ וואו גבאילע צו ווערן...

# פארגעסענע...

פון ד״ר לייבוש

איר ווייסט דאך מסתמא, אז מיר פארמאגן א חברה-קדישא מיט א פערסאנאריא כורידיקא און אפילו סטאטוטן פון דער ב. איירעסער חברה-קדישא. טשילענער יידן מעגן שוין זיין גאנץ רואיק, איה איבער הונדערט יאר ווען א ייד וועט זיך דארפן שיידן מיטן עולם השקר וועט ער באזארגט ווערן מיט אלע דינים פון דער מצוה חסד של אמת.

מען דארף נישט פארגעסן, אז דער עיקר פעלט נאך טאקע, ד. ה. דעם בית הקברות האבן זיי נאך ניט און מיט דער פ. כורידיקא אליין קען מען נאך קיין מת זיין רעכט ניט טאן, אבער דאס איז א קלייניקייט, א שטיקעלע קאמפיין מיט עטליכע גרויסע אוויסאס, אז קאנדידאטן אויף מתים, קענען אויך געניסן פונם געשמאקן שטראדל מיט טיי און שיינעם גארטן (גן-עדן התחתון) וועט שוין דאס הייליקע ארט געשאפן ווערן...

פארוואס האט מען אבער אן זיי פארגעסן? די געגנטן טשוטשונקע און פראנקלין האט מען יא אריינגעפלאכטן אין דער ליסטע פון נאטאבלעס, און אזא! וויכטיקע חברה האט מען אפילו ניט דערמאנט? היתכן?

ווייסט איר פארוואס דאס איז געשעהן? ווייל דער ראט פון דער נייער חברה פארלאנגט, אז די זיצונגען זאלן זיך פירן דורכאויס אויף דער רוסישער שפראך, און היות די היגע כלל-טוערס באהערשן נאר דעם שפאניש האט דערפאר נישט געקענט קומען צו א הסכם,

ווי באלד זיי וועלן אבער קריגן זייער אייגענעם בית-הקברות וועט מען שוין מוזן זיך רעכנען מיט זיי, ווייל פאר חברה באגרעבערס האבן אפילו די נאטאבלען, אויך ליב צו כאפן א ציטער...


## פויליש ידישער פארבאנד

אין טשילע.

SERRANO 248

דער לאקאל איז אפן יעדן טאג פון 8.30 אין אוונט זונטיק פון 8 בייטאג.

אין לאקאל געפינען זיך יידישע צייטונגען פון פוילן און פון אנדערע לענדער.

דער סעקרעטאריאט אטענדירט טעגליך פון 8.30 אין אוונט אינפארמאציעס וועגן אלע עמיגראציאנס אנגעלעגנהייטן ווערן ערטיילט, זשאמאדעס פאר מיטגלידער אומזיסט.

אונזער לעבן
פרייטיק דעם 5-טן יוני 1931

# שלום. (זאל איך דאס ווארט ניט דערעסן)

שלום האב איך פיינט — זאגט עס דוכט, פרין ערגעין —. ווייל שא-שטיל איז אין דער פינסטערניש פון דער נאכט, שא-שטיל איז אויפן בית-עולם, שלום מאכן צווישן זיך גנבים, ווען זיי גייען אויספירן זייער פלאן.

דארט וואו עס איז דא לעבן, באוועגונג, מוז אויך זיין קאמף, קאנפליקט.

מיר זאגן דאס אנטקעגן דעם, וואס די ארטיקלען פון י. ד. און מ. ר. פון לעצטן נומער „אונזער לעבן" האבן ארויסגערופן בייז-בלוט, ביי אייניקע פון אונזערע געזעלשאפטלעכע טוער. איבערהויפט ביי די רודפי-שלום'ניקעס.

סטייטש, שרייען זיי, אין דער צייט וואס מיר זוכן דעם שלום, גייט מען ניט ארויס מיט קיין פאלעמישע ארטיקלען! מיר דארפן דא איינמאל פאר אלע מאל קלאר מאכן, אז מיר זוכן דא ניט צו מאכן קיין פירוד-הלבבות און האבן קיין אינטערעס ניט צו זייען קיין האס אין אונזער געזעלשאפט, מען טאָר דאך אבער ניט פארבייטן דעם אמתן באגריף פון דעם ווארט שלום, מיט דעם ארט שלום פון געבן די האנט דעם פארברעכער, פון נאכט-שטילקייט, בית-הקברות רואיקייט. עס וואלט פשוט לעבערלעך געווען, אז למען-השלום זאל אזא כלל-טוער ווי י. ד. וואס האט אין משך פון קארגע 20 יאר געאפפערט אזוי פיל צייט און ענערגיע פאר אונזער געזעלשאפט און איז איינער פון די פיאנערן פון „סירקולא' וועלכער איז גלייכצייטיק א קאלעגיום-מיטגליד פון אונזער רעדאקציע, זאל ניט קענען ארויסזאגן פריי און דער עפנטליכקייט זיין מיינונג וועגן ענינים, וואס איז שייך דעם לעבן פון ‚סירקולא', וואס איז?: עס וועט שאדן צום שלום.

און נאך לעכערליכער זיינען די טענות קעגן מ. ר.: ווי קומט אזא, וואס איז אזא קורצע צייט אין לאנד ‚זאגן דעות'? מיר יידן, וואס זיינען אומעטום גרים, איבערהויפט אין טשילע, וואו מיר האלטן נאך ביי דער ערשטער גענעראציע, ווילן ניט ליידן ווען מען גיט עס אונז צו שפירן, און צווישן זיך האלטן מיר די פינגער פון די הענט און ציילן, ווער עס איז דא מער וואכן, אדער חדשים אין לאנד.

וואס זאלן מיר טאן, אז מ. ר. האט זיך אין עטלעכע חדשים בעסער אריענטירט וועגן דעם היגן לעבן אונזערן, ווי אנדערע, וואס זיינען שוין דא 20 יאר?

„אונזער לעבן" וועט רעאגירן אויף יעדער געזעלשאפטלעכע דערשיינונג און וועט עס געוויסנהאפט אפשאצן, נישט קוקנדיק אויף קיין תרעומות פון וועלכן צד זיי זאלן ניט קומען.

און די תרעומות-האבער, די וואס זיינען ניט מסכים מיט אונזערע מיינונגען, דערקלערן מיר ניט קיין קאמף, נאר מיר עפענען זיי פריי אונזער טריבונע, זאלן זיי קומען מיט זייערע מיינונגען.

י. פ.

## לייענט און פארשפרייט „אונזער לעבן"

מ. ריזענבערג.

# ערב דעם באזעלער קאנגרעס.

קיים א מאנאט צייט פעלט אונז צו דער דערעפנונג פון דעם 17-טן ציוניסטישן קאנגרעס אין באזעל. קיים איין מאנאט פעלט, ווי די בעסטע פון דער ציוניסטישער וועלט וועלן זיך צונויפקלייבן און וועלן אנהייבן צו זוכן וועגן, ווי ארויסצופירן דעם ציוניסטישן וואגן פון דער בלאטע, אין וועלכער ער איז א דאנק דער אונגעלונגענער פירערשאפט פארקראכן.

שווערע אויפגאבן שטייען פארן 17 ציוניסטישן קאנגרעס. און נישט איבערטריבן וועט זיין, ווען מיר וועלן זאגן, אז אין אזא ערנסטע סיטואציע, ווי איצט, האט זיך דער ציוניזם נאך קיינמאל נישט געפונען. מען וועט דארפן אויפן קאנגרעס אונטערפירן א ביטערן סך-הכל פון דעם אלטן רעזשים און קלאר פארמולירן דעם נייעם קורס, וועלכער וועט דארפן פארטרעטן די אלטע און באנקראטירטע סיסטעם.

איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאבן, וואס שטייען פארן קאנגרעס, איז רעווידירן די באציהונג פון ציוניזם צו דער אזוי גערופענער יידישער אגענץ. עס האבן זיך פאלקאם באשטעטיקט אלע ספקות, וועלכע זיינען ארויסגעזאגט געווארן מצד די רעוויזיאניסטן בנוגע אט דער אינסטיטוציע. אין ווייען און ליידן איז זי געבארן געווארן, און זי האט זיך ארויסגעוויזן הייקערדיק פון אנפאנג אן. אלע חשדים, אז מען וועט נישט קענען איבערארבעטן דעם אמארפנעם מאטעריאל פון די יאהודים און וועקן ביי זיי אן אמת ווארעמע באציאונג צו דער אויפבוי ארבעט אין ארץ ישראל, מאכן זיי כאטש אויף 50 פראצענט ציוניסטיש, האבן זיך פארווירקליכט. און עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז אונזער ציוניסטישע שטימע קען צו זיי אפילו נישט דערגרייכן. און געלט זין האבן זיי אבסאלוט נישט ערפילט די געלייגטע אויף זיי האפנונגען, און די הכנסות פון די קאמפיינס זיינען אין די יאהודים לענדער געפאלן. און וועגן די פאליטישע שריט פון דער יידישער אגענץ איז שוין בעסער גארנישט צו דערמאנען: עס איז נאך צו פריש אין זכרון דער גלענצנדער ענטפער פון דעם זייער גוטן באנקיר, זייער גוטן פילאנטראפ, אבער זייער שלעכטן ציוניסט וואַרבורג אויף פאספילדס אנפראגע וועגן פארלאמענט אין א"י.

דער 17 קאנגרעס וועט מוזן פארמולירן קלאר און דייטליך זיין שטעלונג צום איינפירן א פארלאמענט אין א"י. ער וועט מוזן נאך א מאל באשטעטיקן, אז א פארלאמענט אין א"י אין איצטיקן מאמענט באדייט די פאלקאמע ליקווידאציע פון באלפור דעקלאראציע און ציוניזם בכלל. עס וועט מוזן אונטערגעשטראכן ווערן, אויף וויפיל א פארלאמענט וואלט געווען אנטי דעמאקראטיש לויטן מהות און עצם פון דעמאקראטיע. און אן שום קווינקלענישן און רחמנות, וועלן אלע עלעמענטן אין ציוניזם, וועלכע פארנעמען א צווייטיקע פאזיציע אין אט דער פראגע, וועט מוזן עלימינירט ווערן פון וואס פאר עס איז אנטייל אין דער ציוניסטישער לייטונג. די סכנה איז צו גרויס און וואקלענישן זיינען צו געפערליך.

דער קאנגרעס וועט דארפן געפינען די ריכטיקע וועגן, כדי צו ווירקן אויף ענגלאנד, אז זי זאל איינפירן א קאלאניזאטארישן רעזשים אין א"י. דער מאנדאט איז איבערגעגעבן געווארן ענגלאנד, נישט אלס סופערארביטער צווישן יידן און אראבער. עס זיינען נאך אבסאלוט נישט אויסגעשעפט געווארן אלע מיטלען, כדי צו ווירקן אויף ענגלאנד, מען האט נאך גענצליך נישט אויסגענוצט דעם וועג צו שאפן אן אינטערעסמענט פון גרויס-בריטאניען אין

A LA VILLE DE NICE S. A. Huérfanos 940

ליקווידאציע פון מענער ארטיקלען
שליאפעס, טראכטעס, סאברעבאטאדעס, העמדער קאמיסעטעס,

קאלסאנסיושאס, שקארפעטן, קארוואטן
אויף די ביליקסטע פרייזן!

A LA VILLE DE NICE S. A. — HUERFANOS 940

**VIDRIERIA Y FABRICA DE MOLDURAS y MARCOS**

De Mauricio Rimsky

**LA NORTE AMERICANA**

M. R.

SAN PABLO 3034-38

Cas. 1358 - Teléf. 106, Yungay

Santiago

---

**GMO. ARENSBURG**

Seguros de Vida

Representante de "El Sol del Canadá"

(Montreal, Canadá)

Teléfono 60453 Bandera 131

Casilla 3185

---

**La Biblioteca del Círculo Israelita**

SE ENCUENTRA A DISPOSICION DE TODOS LOS MIEMBROS DE LA COLECTIVIDAD, SEAN O NO SOCIOS DE LA INSTITUCION : : : :

*DIARIAMENTE DE 6 A 8 P. M.*

**Domingos y festivos de 10 A. M. a 1 P. M.**

---

**SASTRERIA FAIVOVICH**

M. y E. FAIVOVICH

**Ahumada 107-Tel. 86760**

*SANTIAGO*

---

**Gran Mueblería "La Universal"**

de Svigilsky y Slachevsky

**CATEDRAL 1131 - STGO.**

CASILLA 289 - TELEF. 87586

---

**FABRICA DE TEJIDOS DE PUNTO**

de Jacobo Pilowsky

SANTA TERESA 632

TRABAJOS EN SEDAS Y LANA A PRECIOS MODICOS

---

**PELETERIA Blanco Encalada**

DE ISIDORO JAIMOVICH

**DELICIAS esq. Dieciocho**

SANTIAGO

---

**SASTRERIA PETIT PARIS**

SELMIK & SCHULSINGER

**COMPAÑIA 1302**

TELEFONO 61579

Artículos para Caballeros

---

**LA VICTORIA**

GULAGOVSKY y TALESNIK

Fabricantes e importadores

ARTICULOS PARA MONTAR

Fábrica de tejidos de punto

**Delicias 2551-2555-2539**

TELEF. 87605 - SANTIAGO

---

**BUSCA UD...**

¿BUENA COMIDA? ¿PIEZAS EXCELENTES? ¿PRECIOS REDUCIDOS?...

Recurra a la

**Casa Residencial de Natalio Stein**

**CATEDRAL 2029** SANTIAGO

TELEFONO 63194

---

בוכהאנדלונג „יידיש"

**LIBRERIA "IDISCH"**

de JOSE GOLDCHAIN

**GALVEZ 312, casita 4 — SANTIAGO**

Representante de "Caras y Caritas" "Mundo Israelita", "Ediciones Argentinas", de Manuel Gleizer : :

**Surtido completo de libros en idisch y castellano**

פאלשטענדיקער אויסוואל פון

יידישע און שפאנישע ביכער:

העברעאישע און יידישע לערן ביכער א. א.

---

**GRAN SASTRERIA "BERLIN"**

ELIAS IZIKSON

*Gran surtido de casimires importados - Ternos finos sobre medida y abrigos*

CONDICIONES VENTAJOSAS

**MONEDA 884, entre Estado y S. Antonio - Telf. 64763**

---

**CIRCULO ISRAELITA**

SERRANO 2[illegible] [illegible] 88076

[illegible] [illegible]neral:

[illegible] 12 hs. Tarde de 17 [illegible]

---

SOLO VENDEMOS ARTICULOS DE LA MEJOR CALIDAD A LOS PRECIOS MAS BAJOS

**AHUMADA ESQ. MONEDA**

Teléfono 89735

# אונזער לעבן

וואכן-אויסגאבע פאר נאציאנאל-געזעלשאפטלעכע פראגן

ערשיינט אלע פרייטיק

רעדאגירט פון א קאלעגיום.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
EYZAGUIFRE 1115
Teléfono 88049

אבאנאמענטס פרייז
יערליך $ 24
האלב יערליך $ 12
אויסלאנד $ 30

די אדמיניסטראציע איז אפן טעגליך פון 12—9 און 6—3 נ. מ.

נומער 9. | סאנטיאגא - טשילע פרייטיק דעם 5-טן יוני 1931 | ערשטער יארגאנג


## אכטונג קוענטניקעס!

מיטוואך דעם 10-טן ד. ח. 4 א זייגער ביינאכט וועלן זיך פארזאמלען אלע קוענטניקעס, אין לאקאל פון בקור חולים אוו. מאטא 624, אויף דער גרינדונגס פארזאמלונג פון

„פאריין פון קוענטניקעס"

אויפן טאג ארדנונג: פארטיידיגונג פון די עקאנאמישע אינטערעסן.

די פראוויזארישע קאמיסיע.


# TEATRO IMPERIO

הײנט פרייטיק, מארגן שבת און זונטיק

וועט געוויזן ווערן

דער היסטאריש דראמא-טישער פילם



דער שענסטער פון דעם סעזאן

# קאטערינא פון רוסלאנד

(שפילערייען פון א קייזערין)

דאס איז דער פילם | א שפאנענד בילד פון קאטערינא די גרויסע. א פרוי פון אויסערגעוויינליכע שיינקייט און אינטעלעגענץ וואס האט באוויזן צו ווערן פון א פשוטע מארק פארקויפערין א הערשערין איבער גאנץ רוסלאנד. | וואס איר דארפט זען